הי׳ג ש

Radomer-Kielcer Leben

(250) 10 — VI־טער יאָהרגאַנג.

Radom ראדאם פרייטאג

8 Marca 1929 כ״ו אדר א׳ תרפ״ט.

פרייז 25 גראָשען.


# ראדאמער-קעלצער לעבען


צו די פערלאָבונג פון אונזער ליבען

קוזין משה רעכטמאן

מיט פר״ל הירשענהאָרן

ווינשען מיר זיי פיעל גליק

און אייביגע צופרידענהייט.

שלמה הענדעל

פרוי און קינדער

Z intencji zaręczyn

p. Miny Rubinówny z p. Natanem Weinbergem

życzę szczęśliwej przyszłości, miłości i wiecznego zadowolenia

*Efraim Przednowek*

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער ליבע טאָכטער און שוועסטער

מינה צו איהר פערלאָבונג מיט ה׳ נתן וויינבערג

זאָל זייער נייער לעבענס וועג זיין בעזייט מיט בלומען פערשאַפענדיג פיל

נחת פאר די עלטערן און דעם יונגען פּאָרל ווינשען מיר א גליקליכע צוקונפט.

עלטערן, שוועסטער און ברודער רובין.

אונזער חבר און פריינד

יהושע לענדער צו זיין

חתונה מיט פרל. דבורה

וויינמאַן ווינשען מיר, אז זייער

צוזאַמענבונד זאָל זיין אימער בעגלייט

מיט גליק און צופרידענהייט.

פייגעלע הערץ

און דוד שיינבוים.

Z intencji zaślubin mojej kochanej

cioci Leosi Goldberżanki

z kuzynem

Mojżeszem Rutmanem

życzę im długiego pożycia, by droga

ich przyszłości wyścielona była

kwiatami.

SZMUL GOLDBERG

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען

קוזין משה רעכטמאַן מיט

פרל. צפורהלע הערשענהאָרן

ווינשען מיר די עלטערן פיעל נחת

און דעם פערלאָבטען פּאָרל א גליק-

ליכע צוקונפט.

מענדעל טייכמאַן מיט פרוי

און קינדער.

צו די פערלאָבונג פון אונזערע

שוועסטערן-טאָכטער און קוזינקע

מינדעלע

מיט ה׳ נתן וויינבערג

ווינשען מיר פיל גליק

און צופרידענהייט.

פאַמיליע האָגרעלסמאַן.

## Kupiecka Spółdzielnia Kredytowa

Z ODP. OGR.

w Radomiu, Żeromskiego (Lubelska) 9

מאַכט בעקאַנט, אז די באַנק איז נעווארען איבערגעטראָגען פון

רחיינסקי 21 אויף לובלינער 9 (שערעמסקי אין נתן נייטמאַנ׳ס הויז)

גלייכצייטיג הערט מיטגעטיילט, אז די באנק ספולדזיעלני

קרעדיטאָווע איז לעצטענס אָרגאַניזירט און פערברייטערט געוואָרען.

די באַנק נעמט אָן: אינקאַסא-וועקסלען, פּראָטעסטען, ווקלאַדען,

ערטיילט הלוואות, מאַכט דיסקאָנטא און ערלעדיגט אלערליי

באַנק-אָפּעראַציעס.

די באַנק איז בעקאַנט מיט איהרע רעעלע און פינקטליכע בעהאַנדלונג.

אינקאַסעס ווערען אויסגעצאָהלט אין זעלבען טאָג.

די באַנק נעמט אָן אינקאַסעס איבער גאַנץ פוילען און אויף פאָלגענדע שטעדט

מיט דעם פרייז פון 1 זל. פאַר א שטיק:

לאָדז, וואַרשא, קאָזשעניץ, פשיטיק, זוואָלין, שידלאָוויעץ, אילזשא.


אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס

דער פאַמיליע מושקאטבליט

צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זייער פרוי און מוטער

# מרים נ״ע

געוו. וויצע-פּאָרזיצערין פון ראַט, טיכטיגע מיטאַרבייטערין

און מיטגרינדערין פון דער גמילת-חסד-קאַסע אין ראַדאָם

אין דער הערליכער פערגאַנגענהייט פון דער פערשטאָרבענער זאָלען

זיי א טרייסט געפונען.

פערוואַלטונג און ראַט

פון דער גמילת-חסד-קאַסע

ביי דער יודישער קהלה אין ראַדאָם.


## וויכטיג פאר די סוחרים פון ראדאם און אומגעגענד.

צום אָנקומענדיגען פסח ווערט אונזער סקלאַד זיין פערזעהען מיט פסח׳דיגע פוטערען ווי:

# אגוז, שרון, אמאדאר, מנורה

אויף די אַלע פוטערען געפינט זיך א הכשר אויף פסח למהדרין מן המהדרין.

בעמערקונג: די פוטערען ווערען געבראַכט אין סקלאַד אריין יעדע פאַר טאָג פרישע אויף ס׳לאַגער.

סוחרים דאַרפען אין זייער אייגענעם אינטערעס אויפגעבען וואָס פריהער זייערע בעשטעלונגען.

כשר לפסח

*Generalne Przedstawicielstwo na całe Wojew. Kieleckie*

מיט אכטונג

J. ZYLBER, RADOM

DŁUGA 5 TEL. 580.

2 גרויסע פילמען | Kino „ODEON" w Radomiu | 2 טייז פון עקראן

# 2 גרויסע פילמען צוזאמען

איינע פון די שטערענס פון עקראן די ליבלינג פון ווארשא
GRETA GARBO
אין די בעסטע קרעאציע
Boska Kobieta
(די געטליכע פרוי)

די הערליכע און פיל מיט פייער און טעמפערצמענט
LYA DE PUTTI
וועלכע בּצויבערט יעדען אין דעם נייעם בילד
Grzechy Rozwódki
(די עבירות פון א גרושה)

2 טייז פון עקראן | די פרעמיערע קומט פאר דעם 11 מערץ אין קינא „אדעאן" | 2 גרויסע פילמען

צוגעריטען צום שוהל א ספעציעלער שטאפעט פון פעטערבורג און געפרעגט זיך אויף ר' עזריאל האלפערען — ער האט איהם געבראכט א זעהר פרעהליכע בשורה, אז זיין וויגרישנער בילעט, וואס ר' עזריאל בּזיצט, וועגען וועלכען ער האט אין גאנצען געהאט פערגעסען און דערפאר טאקי איהם נישט אויסגעטוישט אויף ברויט, — האט זיך אויסגעליאַפּעוועט מיט א געווינס פון 200.000 רובעל. מ'קאָן זיך משער זיין די גרויסע שמחה, וואס די דאָזיגע ידיעה האט ארויסגערופען ביים צובראָכענעם נידערגעשלאָגענעם און יעצט פלוצלינג אויפגעריכט געווארענעם ר' עזריאל, אויך אלע אנוועזענדע מתפללים האבען אנטייל גענומען אין ר' עזריאל'ס פרייד און געשטופּט זיך ארום איהם צו גראטולירען איהם: מזל טוב. דער לעצטער איז צוגעגאנגען דער גרייז גרויער דב און אזוי געזאגט ר' עזריאל'ן: — „אין תהלים שטעהט: זה עני קרא וה' שמע ומכל צרותיו הושיעו". דער טייטש דערפון איז אזוי: ווען דער ארימאן רופט און בעט צו גאָט אלס ארימאן, ער בעהאלט זיך נים אויס מיט זיין ארימקייט און מאַכט אויך דערפון קיין סוד ניט, — נאָר דאמאלסט העלפט איהם גאָט ארויס פון אלע זיינע נויטען... האט קיין פאראיבעל נים, ר' עזריאל פאר מיין פערזאורזאכען אייך א ביסעל חרפה און שברות הלב. איך האָב דערמיט געמיינט נאָר אייער טובה. לעבט פון היינט אָן שוין גליקליך און פערגעסט נישט אויך אין אונזערע אָרימע ברידער! —

# בּ אַ ט י צ ע ן.

## אַ סימפּאַטישע אינטערנעהמונג.

די היגע יודישע נאציאָנאלע יוגענד א. נ. „ברית-טרומפּעלדאָר" האט בעשלאָסען די נאָהנטסטע טעג צוצופּרעטען איינפיהרען א קייט אין דער היגער יודישער-פּרעסע.

דער צוועק פון דער קייט איז דורכצופיהרען אויף דעם פרעסע-וועג א זאמלינג, פון וועלכער די הכנסה זאָל געהען אויף צו גרינדען אין ראַדאָם א יודישען אָרקעסטער. דער צוועק איז ווירקליך זעהר א סימפּאטישער און די איניציאטאָרען פון אָט דער נייער אונטערנעמונג האָבען ריכט צו ערוואַרטען אויף א פּאָזיטיווען ענטפער מצד דער געזעלשאַפטליכער מיינונג.

אין ראַדאָם פערמאָגט ניט ביי היינט-צוטאָג קיין שום יודישע אינסטיטוציע, אָדער אָרגאַניזאַציע אַן'אייגענעם אָרקעסטער. א מאָהל, שוין גאַנץ לאַנג, האָט אין ראַדאָם עקזיסטירט אַנ'הזמיר, וועלכער האָט אויסער זיין קולטורעלע טהעטיגקייט בעזונדערס פיל אכט געלעגט אויף דעם געביעט פון מוזיקאלישער ענטוויקלונג פאַר דער יודישער יוגענד. דערנאָך האָט דאָ אַ געוויסע צייט עקזיסטירט א מוזיקאלישע יוגענד-אָרגאַניזאַציע הארפא. זייט דעמאָלט זענען שוין פיל יאָהרען אוועק און דער ענין נגינה, וועלכער האָט ביי יודען שטענדיג פערנומען אַנ'אנגעזעהענעם פּלאַץ האָט אין אונזער שטאָדט פיל פערלוירען פון זיין בעדייטונג.

א טייל וועלען אפשר ענטפערען, אז ס'זענען דאָ וויכטיגערע ענינים, ווי אַנ'אָרקעסטער. קאָן אָבער דער תירוץ דערויף זיין, אז אום צו שאַפען דעם אָרקעסטער ברויך מען נישט אזעלכע קאָלאָסאָלע אנשטרענגונגען וואָס בענוצענדיג זיי צו אַנדערע וויכטיגערע צוועקען, וואָלטען זיי מיט זיך געבילדעט אזאַ בעדייטענדע קראַפט, וואָס צוליב זייער גרויסקייט זאָלען זיי דוחה זיין די רעאליזירונג פון אָרקעסטער. די נייע אינטערנעמונג איז פון געוועהנליכען מאסשטאַב און פערלאנגט נישט קיין גרויסע קרבנות. דורך א גאַנץ בעשיידענעם כמות קאָן דער אָרקעסטער געשאַפען ווערען, אָבער זיין נוץ פאר'ן געזעלשאפט קאָן זיין בעדייטענד גרויס אין איכות.

פון דער נייער אונטערנעהמונג וואָלט דאָך יעדער געזעלשאַפט, אין פאַל פון נויטיגען זיך דערין, געקאָנט זיך בּנוצען מיט'ן אָרקעסטער. ס'איז דאָך א שטאָדט, וואו סקומען אָפט פאָר קאָנצערטען, פערוויילונגען, אוונדען פאר פילאַנטראָפּישע, קולטורעלע און פערשידענע אַנדערע געזעלשאפטליכע צוועקען. אין אַזאַ פאַל וואָלט דאָך דער אָרקעסטער געקענט אויך יעדען איינעם פון זיי בּדינען און פערשענערען זייער פעראַנשטאַלטונג.

די נייע אונטערנעהמונג איז א נוצליכע זאך פאר א שטאָדט און ביי א גוטען ווילען מיט קליינע אנשטרענגונגען קאָן דאָס געשאַפען ווערען. די הילפס-קייט צו דעם צוועק איז מחויב ארויסצורופען סימפּאטיע און אנזעהן ביי דער יודישער געזעלשאַפט פון אונזער שטאָדט.

א ראַדאָמער.

# אַ פּאָר ווערטער צו די היגע יודישע מיידלעך.

איך ווייס פריהער, אז מיינע יעצטיגע ווערטער וועלען נישט געליינט ווערען פון די חסידישע טעכטער און פון די, וואָס האלטען זיך פאר די הויך-אריסטאָקראַטישע סאלאָן-מיידלעך, וואָס ליינען איבערהויפּט נישט קיין יודיש און רעדען ווידער נישט קיין יודיש. אויך מיין איך נישט די זאָגענאַנטע פריילײנס וואָס זענען זעהר אינטעליגענט און קאָנען אלע איצטיגע ראָמאַנען אויף אויסענווענדיג און זענען שמאַרקע אנהענגער פון קינא-העלד פּדיע פּאָלאַ, אויך ניט די פּריינצעס, וואָס זעהענדיג ווי יודען זענען מחדש די לבנה, רעדען זיי צווישען זיך (געוועהנליך אויף פּויליש) „אַך טאָ פּיענקניע וויגליאָנדאַ יאַק ו'קיניע". וואָרום זיי זענען שוין פערפאַלען, דאָס זענען אייביגע קאַליקעס, איך מיין גאָר פּשוט אונזערע יודישע בעלי-הבתי'שע מיידלעך, וואָס ווען זיי געהען אין גאַס שפּאַצירען רעדען זיי צווישען זיך יודיש, וואָרום אויף דעם לשון איז זיי בעקוועמער צו רעדען נאָר אזוי ווי זיי זעהען, אז ס'געהט אריין א יונגערמאַן, הויבען זיי אָן צו רעדען פּויליש, כדי צו ווייזען, אז אויך זיי זענען ניט קיין פּראָסטע מיידלעך. נאָר אינטעליגענטקעס. און אָט רעדען זיי דאָס א פּויליש, אז גאָט זאָל זיך אויף זיי מרחם זיין.

און דעריבּער וויל איך זיי זאָגען: סאָמער קאָנט איהר נישט רעדען קיין פּויליש, שעמט אייך נישט צו רעדען יודיש. גלויבט מיר, אז אין יודיש איז דאָ אזא שעהנע ליטעראַטור, וואס דארף זיך נישט שעמען פאַר די אייראָפּעאישע.

מאַטערט זיך נישט צו רעדען מיט דער שפּראַך, וואָס איהר קאָנט נישט. רעדט אויף אייער מאַמע לשון. יאָ, דאָס מעגט איהר יאָ טוהן, פערבעסערען, פערשענערען אייער אייגענע שפּראַך, רעדען מיט א ריכטיגען ליטעראַרישען דיאַלעקט. דאָס מעגט איהר און דאָס איז אייער חוב.

— י.

# וואס הערט זיך אין ראדאם.

## שטאדט-פערוואלטונג נעמט אן פאריזיכט'ס-מיטלען אויפ'ן פאל פון א פערפלייצונג'ס-קאטאסטראפע.

### מאגיסטראט, פאליציי און פייערלעשער גרייטען צו א געמיינזאמע רעטונג'ס-אקציע בשעת א סכנה פון א פערפלייצונג — וועלכע גאסען זענען מעהר בעדראהט.

צוליב דעם שטארקען ווינטער און די הויך-אנגעזאמעלטע, פערפרוירענע שניי-און אייז-שיכטען, איז פאראן א מורא, אז נאכדעם ווען דאס וועטער וועט נאכלאזען און די זון וועט אויפשיינען זאלען די הויכע שניי-זיילען און פראכטיגע אייז-סקאלעס פלאצען און ווערען צושמעלצען, שטראמענדיג מיט זיך אומגעהויערע גרויסע וואסער-שטראמען, וועלכע קאנען ארויסרופען קאטאסטראפאלע פערפלייצונגען און געוויסערען.

אונטער'ן דרוק פון דער דאזיגער אומהיימליכער בארואיגונג שאפען זיך כמעט אין אלע שטעדט רעטונג'ס-קאמיטעטען, כדי בצייטענס אנצונעמען געהעריגע פאריזיכטיגקייט'ס-מיטלען. אויך אין ראדאם איז מען צוגעטרעטען צו אזא רעטונגס-אקציע.

דער מאגיסטראט צוזאמען מיט דער פאליציי און אלע פייער-לעשער-אבטיילונגען האבען זיך בשותפות ארגאניזירט כדי אבצוהיטען די שטאדט פון א פערפלייצונגס-געפאהר.

ווייטער וואך האט דער מאגיסטראט ארויסגעגעבען אן אויפרוף צו דער בעפעלקערונג. דער אויפרוף לויטעט ווי פאלגענדען אינהאלט:

„צוליב דער פאראויסזעהונג פון א מעגליכען פערפלייצונג'ס פאל, וואס קאן געשעהן אין א מאמענט פון א פלוצלינדיגען לאזע פון אייז און שניי — מאכט דעריבער דער מאגיסטראט בעקאנט די בירגער פון שטאדט:

די ערפאהרונגען פון די פערגאנגענע יאהרען בעווייזען, אז אין פאל פון א פערפלייצונגס-געפאהר ווערען בעדראהט פאלגענדע געגענדען אויפ'ן שטח פון דער שטאדט ראדאם:

די געגענד פון גיטערסקא גאס, די טהאליגע און נידריגע טהיילען פון די גאסען סיענקעוויטשא, פאקסאלנא, נאוואגראדסקא, פאדיאודאווא, ערשטער מאי (איבערהויבט דאס הויז נומ. 4), דלוגא-ראג פאדיאזראווא, פאדוואלנא, סטארא-קראקאווסקא (ביים וועלט) און שוהל-גאס, ווי אויך די נידריגע טיילען פון די גאסען: אלטע-שטאדט, זאמליניע קאפטור, אין דער געגענד פון טייך אויף מלעטשנא און א טייל פון דער קאשעניצער גאס, אין דער ריכטונג פון צפון-ווייט פון וואסער-פלוס

האט דער מאגיסטראט צוזאמען מיט די פייער-לעשער און פאליציי האט אונטערגענומען פאריזיכט'ס מיטלען צו האבען די השגחה איבער די איינוואהנער פון די בעדראהטע ערטער און זייער פערמעגען. דאך ווערען די זעלביגע איינוואהנער, וואס קאנען ליידען פון א פערפלייצונג, געווארענט צו פערזיכערען זיך בעצייטענס פאר די נישט היימליכע פאלגען. קודם כל דארפט מען זיין מאמענט ווען דאס אייז און שניי לאזט, אויסליידיגען אלע בעוואהנטע קעלער-שטובען פון די אויבענדערמאנטע געגענדען.

אין יעדען נויט גען פאל קאן מען זיך ווענדען נאך הילף טעלעפאניש אויף פאלגענדע אדרעסען:

| | | | |
|---|---|---|---|
| צו די פייער-לעשער | — — — — | דלוגא 8 | טעלעפ. 5 |
| „ „ | — — — | זאמלינע | „ 31 |
| „ „ | — — — | גליניצע | „ 549 |
| צום אמט פון קאנאליזאציע און וואסער לייטונג | — — | באסענא 16 | „ 561 |
| צו דער סטאציע פון אויספלומפען די שטאדטישע וואסער-לייטונג | — — | 1-טער מאי | „ 464 |

מ'קאן זיך אויך מעלדען צו די פאליציי ארגאנען, וועלכע קאנען געבען ענטשפרעכענדע אינסטרוקציעס.

אין דער צייט פון אן'עווענטועלען אויסגוס איז געוואונשען צו פערהאלטען זיך רוהיג, מחמת דער מאגיסטראט, די פייערלעשער און די פאליציי וועלען אונטערנעמען אין יעדען איינצעלנעם פאל ענטשפרעכענדע מיטלען כדי צו רעאליזירען א געהעריגע רעטונג'ס-אקציע".

---

## קנאפע 4 וואכען צו די חגאות

### און אין האנדעל הערשט א טוידט-שטילקייט — נאר א גיכע ענדערונג פון וועטער קאן ברענגען די ישועה.

מיר האלטען שוין ברוך השם ביים 8 מערץ. אין קארגע פיער וואכען ארום האבען מיר שוין קריסטליכען פסח און אין האנדעל הערשט ווייטער א טוידט-שטילקייט אין הורט און דעטייל, אין די האנדעלס-צענטרען און אויף דער פראווינץ. אין מאנופאקטור, אייזען, שיך און לעדער. אומעטום און אין אלע בראנזשעס הערשט א שרעקליכע סטאגנאציע.

די דארפישע בעפעלקערונג איז דעסגלייכען פערשלאסען אין די ד' אמות פון זייערע דארפישע כאטעס, אין יוצא ואין בא. די וועגען פערשנייט, פערפרוירען, ווער קומט אין שטאדט עפעס קויפען? אויף דער פראווינץ איז א שרעקליכע ארבייטסלאזיגקייט. מענשען פריהרען. דאס גאנצע לאנד ליידט פון דער פראסט, אבער בעזונדערס שלעכט איז די האנדעלס-לאגע אין לאדז, ווארשא און אין די גרעסערע האנדעלס-שטעדט ווי: ראדאם, קעלץ א. אנד.. וואו עס איז דא א מבול פון פראטעסטען פון קליינע סוחרים און אפילו פון מיטעלע סוחרים. מען שמועסט שוין אויך פון פראטעסטען פון גרעסערע פירמען.

זאל זיך נישט תיכף איינשטעלען א ווארים וועטער, דאן קאן די לאגע ווערען א קאטאסטראפאלע. נאר א באלדיגע ענדערונג פון וועטער קאן ראטעווען די לאגע. ווי ראדאמער סוחרים גיבען איבער, איז היינטיגע וואך שוין אפילו געקומען קיין לאדז און ווארשא א קליינע צאהל פראווינץ-סוחרים צו מאכען זיי פאר-יום-טוב-קניות, אבער ס'איז א טראפען אין ים. מען ווארט דעריבער אויפ'ן מלאך הגואל, אויפ'ן אנקום פון ליבען פריהען פריהלינג, וואס זאל פערטרייבען די מרה שחורה ביים דערשלאגענעם סוחר און זאל אריינברענגען א שטיקעל אויפלעבונג אויפ'ן מארק. זאל מען האפען, אז דאס וועט א ליאדע טאג געשעהן. די ווארשאווער מעטעאראלאגישע סטאציע זעהט טאקע פאר אין אייניגע געגענדען פון פוילען א פולשטענדיג פלאצען פון דער פראסט.

אולי ירחם!

Niniejszym mamy zaszczyt podziękować
ZARZĄDOWI ZWIĄZKU KUPCÓW Ziem. Rad.
a w szczególności WP. Sz. Rozenbergowi
za bezinteresownie udzielenie lokalu na referat.
Zarząd Z. N. S. K.
„MASADA"

WODA BRZOZOWA DrA DRALLEGO
MYDŁO TOALETOWE DRALLEGO
PERFUMY DRALLEGO
WYROBY
FABRYKI PERFUM
DRALLE'go
rozpowszechnione
na całej kuli ziemskiej.
WODA KWIATOWA DRALLEGO
WODA KOLOŃSKA DRALLEGO
PERFUMY ILLUSION DRALLEGO

**בעקאנטמאכונג.**

ביי אדלער וואעל 5 איז דא צו פערדינגען בעקוועמע דירות וואס קאנען גוט זיין אויף געשעפטען, ווערקשטאטען און וואוינונגען.

נאך אינפארמאציעס קאן מען זיך ווענדען צו גאלדשטיין לויט'ן אויבען-אנגעוויזענעם אדרעס

## אבשיעד'ס-אקאדעמיע פאר לייב יפה.

אין קארסא איז פאריגען שבת פאר-געקומען אנ'אבשיעד'ס-אקאדעמיע לכבוד דעם דיכטער לייב יפה.

אויף דער אקאדעמיע איז געקומען א גרויסער עולם, וועלכער האט אי-בערפולט דעם גרויסען זאהל. מיט בעג-ריסונג'ס-רעדעס זענען ארויסגעטרעטען די ה"ה: הרב זלאטניק, פראפ. שיצער, מאג. סאלבע און פראפ. מילמאן, דער לעצטער, רעדענדיג אין נאמען פון דער ראדאמער האנדווערקער - ארגאניזאציע האט געהאלטען א גלענצענדע רעדע, פאר וועלכע ער איז איינינגע מאהל געווארען שטארק אפלאדירט. פרל. פירשטענבערג און פעלדמאן האבען דעקלאמירט די לידער פון די דיכטער יפה און כהן.

לייב יפה האט דערנאך געהאלטען א לענגערע רעדע וועגען דעם ערש-טען פרידענס-קאנגרעס אין פאריז אין 18-טען יאהר, האו ס'זענען צום ערש-טען מאהל בעריהרט געווארען די יודי-שע פאדערונגען אויף א"י פון די ציוניסטישע מנהיגים: סאקאלאוו, ווייצמאן און אוסישקין.

שבת אווענד איז אין „עזרה" פאר-געקומען א פערזאמלונג פון די קרן-היסוד-דעקלאראנטען, וועלכע האבען אויסגעוועהלט א קאמיטעט מיט אנ'עק-זעקוטיווע.

שבת-צו-נאכט 1 א זייגער איז דיכ-טער לייב יפה אבגעפאהרען קיין ווארשא.

---

## די וואס וועלען נישט איינמעלדען זייערע הויז-משרתים אין קראנקען-קאסע דראהט א הארבע שטראף.

די ראדאמער קראנקען-קאסע האט היינטיגע וואך ארויסגעלאזט א בעקאנט-מאכונג, וואו זי פאדערט - אויף אלע הויז-אייגענטימער ווי אויך די אלע, וואס האלטען הויז-משרתים, אין משך פון דריי טעג איינצומעלדען די הויז-דינערשאפט. אין געגענפאל דראהט זיי א הארבע שטראף.

---

# ארקעסטער-רינג
## פון ברית-טרומפעלדאר
אונטער'ן פראטעקטאראט פון די ה"ה:
**דיר. אינזש. רוסאק, י. פרענקעל, י. לעשטש.**

ישראל סאוויץ גיט 50 זל. און רופט ארויס: דיר. רוסאק מאריאצ-קא 4, יחיאל פרענקעל לובל. 12, ישראל לעשטש מאניושקי 5, נחום גינז-בורג לובלינער 1, מ. ל. פישמאן זגאד-נא 8, יחיאל לעשטש מאניושקי 5.

קבוצה „התחיה"—100 זל. רופט ארויס: „ברית טרומפעלדאר" — סקאר-זשיסק און קאזשעניץ.

אל. גוטשטאדט — 25 זל. רופט ארויס: הלל גאלדבערג—ליבל. 9, י. א. רוטמאן—קאזיעניעצקא, בערנארד סע-נאטאר—לובל. 20.

(המשך קומט).

---

## פון רעוויזיאניסטישען יוגענד-פערבאנד „מסדה" אין ראדאם.

פערגאנגענעם זונטאג און מאנטאג האט אין ראדאם בעווילט ה' אלעק-סאנדער קירשברוין, מיטגליד פון צ. ק. „מסדה" אין ווארשא, וועלכער האט אין לאקאל פון סוחרים-פעראיין געהאלטען א רעפעראט א. ד. ט. „רעוויזיאניזם „מסדה", זייערע ציעלען און וועגען". דער רעפעראט האט צוגעצויגען א גרויס פובליקום.

• • •

מאנטאג איז אין אייגענעם לאקאל פארגעקומען א אויסערגעוועהנליכע פער-זאמלונג פון די „מסדה"-מיטגלידער מיט'ן אנטייל פון ה' קירשברוין. ס'איז אויסגעוועהלט געווארען א פערוואלטונג, אין וועלכע עס זענען אריין די ח"ח: דוד קאסאי, אברהם ראזענבערג און פישעל פישמאן.

---

## פון דער געזעל. „מנחמי אבלים".

לעצטענס איז אין דער געזעל. „מנחמי אבלים" געוועהלט געווארען א פערוואלטונג, וועלכע האט זיך קאנ-סטאטירט אויף פאלגענדען אופן:

א. בירענבוים (פרעזעס), י. פישמאן (וויצע-פרעזעס), מ. ראטבלאט (סעק-רעטאר), ו. זיידמאן (קאסירער), פ. פלאמענבוים (פערוואלטער), ה. ב. מיי-דאן (פערוו.-מיטגליד).

די ניי-געוועהלטע פערוו. ווענדעט זיך מיט א הייסען אפעל צו דער ראַ-דאמער אידישער בעפעלקערונג, דאס יעדער זאל זיך דעקלארירען אלס מיט-גליד אין דער זעהר וויכטיגער געזעל-שאפט און אנצאהלען דעם מיטגלידס-אבצאהל, בכדי צו קאנען צו הילף קו-מען די ארימע אבלים ר"ל.

ס'איז צו פערהאפען, דאס די רא-דאמער אידישע בעפעלקערונג וועט זיך הייס אפרופען אויף די א. ד. ווענדונג און מיט אלע מעגליכקייטען אקענ-קומען דער דאזיגער וויכטיגער אינ-סטיטוציע.

די פערוואלטונג.

---


# מודעה.

לויט די אינפארמאציעס, וואס איך האב דערהאלטען פון דאנציגער ר', הרב הגאון ר' יעקב מאיר סעגאלאוויטש זענען די פאבריק-פוטער

**„מנורה", „שרון", „אגוז", „אמאדאר"**
**כשר בלי שום חשש.**

אויף די אלע אויסגערעכנעטע סארטען פוטער איז פערזעהן א הכשר פון דאנציגער רב און זענען פולשטענדיג כשר

הרב דפה **שמואל טייטעלבוים** ראדאם.

**בעמערקונג:** וועגען דעם סארט פוטער „פרימא", וועגען וואס מ'האט גערופען אין די שוהלען, טיילען רי מיר, אז דער דערמאנטער סארט פוטער „פרימא" ווערט קיין ראדאם געצליך נישט געברענגט און האט זיך נאך קיינמאהל אין אונזער סקלאד נישט געפונען.

מיט אכטונג **י. זילבער ראדאם, דלגא 5.**

---

# KINO „NOWE CZARY" קינא

פרעמיערע! פון מאנטאג דעם 11|3 פרעמיערע!

# BRUDNE PIENIĄDZE

א הערליך מזרח-בילד, וואונדערבארער דראמאט

אין הויפט-ראלען:

די כינעזישע שענהייט **ANNA MAY VONG** בערימטע ארטיסטין **MARY KID**

און דער גאניאלער **HENRYK GEORGE**

P. Profesorowi PELTYNOWI MUSZKATBLÜTHOWI i Rodzinie wyrazy głębokiego współczucia i prawdziwego żalu z powodu przedwczesnej śmierci B. P.

## Marji Muszkatblüthowej

*Szkoła Powszechna im. Joselewicza* **nauczycielstwo i dzieci.**

Dla uczczenia pamięci Zmarłej sumę 45 zł. ofiarują na rzecz „T-wa Niesienia Pomocy Biednym Położnicom Żydowskim w Radomiu" gdzie jako vice-prezeska pracowała wiele lat.

---

P. PELTYNOWI MUZSKATBLÜTHOWI i Rodzinie

**z powodu śmierci B. P.**

## Marji MUSZKATBLÜTHOWEJ

**szczere współczucie wyraża**

*Goldsztejn z Rodziną*

---

Celem uczczenia B. P.

## p. MARJI MUSZKATBLIT

**składają**

**UCZ.** szkoły im. ORZESZKOWEJ **wraz nauczycielkami** na „DOM SIEROT" 60 zł.

---

Boleśnie dotknięci śmiercią nieodżałowanej

**B. P.**

## MARJI

## Muszkatblüthowej

wyrażamy rodzinie nasze głębokie współczucie.

Pamięć o Jej szlachetnej duszy pozostanie zawsze wśród nas.

*Władysławostwo Rosenberg*

---

דעם טיפסטען בערויערען און איניגסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער פריינד **פרופ. פ. מושקאטבליט** און זיין געשעצטער טאכטער **שושנה** צוליב דער גרויסער אבידה פון זייער אונפארגעסליכער און איידעלע פרוי און מוטער

## מרים נ"ע

זאל זיי גאט שטארקען איבערצוטראגען דעם צער-פולען פערלוסט, און אונזער ליבער פריינד זאל א טרייסט געפונען אין דעם נחת און גליקליכען עתיד פון זיין טייערע ליבע בת יחידה.

**חיים בירענבוים** פרוי און קינדער.

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער פריינד **פראפ. פ. מושקאטבליט** און זיין געליבטע טאכטער **שושנה** צוליב'ן שמערצליכען פערלוסט פון זייער איידעלער און געשעצטער פרוי

## מרים

זאלען זיי געטרייסט זיין און מעהר נישט וויסען פון קיין צער.

**עליאש טענענבוים** עט פרוי.

---

מיר דריקען אויס דעם אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל אונזער [illegible] פראפ. פ. מושקאטבליט און זיין טאכטער **שושנה** צוליב דעם פריהצייטיגען טוידט פון זייער פרוי און מוטער

## מרים

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

**יוסף בירענבוים** עט פרוי.

---

Z powodu przedwczesnej śmierci

**B. P.**

## MARJI MUSZKATBLÜTHOWEJ

wyrazy szczerego współczucia i ubolewania składają

*Cederbaumowie*

---

Panu P. MUSZKATBLITHOWI i CÓRCE z powodu przedwczesnego zgonu

## Jego ŻONY i Jej MATKI

najserdeczniejsze wyrazy współczucia

**składają** *Rubinszteinowie*

---

טיעף געריהרט צוליב דער גרויסער אבידה, וואס האט געטראפען אונזער חשוב'ען פריינד **פראפ. פ. מושקאטבליט** און זיין געשעצטע טאכטער **שושנה** מיט'ן פריהצייטיגען טוידט פון זייער טייערער און נישט-פארגעסענער

## פרוי און מוטער

# מרים נ. ע.

דריקען מיר אויס אונזער אויפריכטיגסטען און טיפסטען מיטגעפיהל.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

## יהודה זילבער עט פרוי.

---

משתתפים אנחנו באבלם הקודר של חברנו ויד[illegible]נו

**פרופ. פ. מושקבליטה**

ובתו הנכבדה מרת **שושנה** לרגל מות אשתו ואמה הצנועה רבת הפעלים

## מרים נ"ע

בעבודתם המסורה לטובת ארצנו יתנו[illegible] ימצאו נחומים.

**מרדכי ליב פישמן ורעיתו**

---

מיט צוועהטאגטע הערצער פאראייניגען מיר זיך צום טרויער, וואס האט געטראפען אונזער חשוב'ן קוזין **פראפ. פ. מושקאטבליט** און זיין טאכטער **שושנה** צוליב דעם פריהצייטיגער פטירה פון זייער איידעלער פרוי און מוטער **מרים** נ"ע

**חיה'לע** און **קלמן גאלדסארב**

# קעלצער אבטיילונג.

## די אויפגאבע פון דער שעה.

אין דער ציוניסטישער וועלט ווערט לעצטענס דעבאטירט ארום דער פראגע צי קען מען אנרופען די לעצטע חלוצים-איינוואנדערונג קיין ארץ-ישראל, אלס די איינענטליכע 5-טע עליה? דער גרעסטער טייל פון דער ציוניסטישער בעוועגונג האט זעלבסטפערשטענדליך פעסטגעשטעלט דעם פאקט פון די איינוואנדערונג, אלס א איבערברוך פון די פערמאכטע, צוליב'ן קריזיס, ארץ-ישראל טויערען, אבער דאך נישט דער פאקטישער אנהויב פון א נייער עליה.

אבער דאך מוזען מיר אנערקענען, אז שוין בלויז די ערשיינונג פון א איבערברוך פון די פערמאכטע טויערען פון א"י, פיהרט אריין די ציוניסטישע וועלט-בעוועגונג בכלל, און די ציוניסטישע יוגענד בעוועגונג בפרט, אין א נייער פאזע פון ענטוויקלונג.

דער אנהויב פון דער נייער איינוואנדערונג, וועלכע בעשטעהט פון א יוגענד-שיכט וועלכע האבען 3—4 יאהר זיך געפונען אין חלוצ'ישע הכשרה-פונקטען ווי, שטיינ-האקערייען, טארטאקען און לאנדווירטשאפטליכע פערמעס, אין וועלכע זיי האבען אין משך פון דער צייט בעקומען א געהעריגע צוגרייטונג צו די שווערע אויפגאבען אין ארץ-ישראל.

פון דעם אויבענדערמאנטען ווערט אלזא קלאר, אז אויך די צוקונפטיגע עולים פון די יוגענד-בעוועגונג מוזען זיך געהעריג צוגרייטען און די געהעריגע צוגרייטונג'ס-אנשטאלטען.

דער צ. ק. פון „החלוץ" ארדענט איין יעדעס יאהר זיינע מיטגלידער ביי ארבייטען פון די אויבענדערמאנטע צווייגען דורך שליסען קאנטראקטען מיט אינדוסטריעלער און גוט-בעזיצער, און אזוי ארום ווערט ערמעגליכט די צוגרייטונג פון די חלוצישע יוגענד קיין ארץ-ישראל.

די קעלצער חלוצישע יוגענד גרייט זיך אויך צום איבערפיהרען זייערע חברים קיין ארץ-ישראל. און דערצו איז דאך נויטיג די שוין געזאגטע צוגרייטונגען, עס איז דעריבער געווינשען אז אלע יודישע גרויס-אינדוסטריעלער און גוט-בעזיצער פון קעלץ און קעלצער קרייז זאלען בעוויליגען ערמעגליכען אט די אידעאליסטישע און שעפערישע נאציאנאלע יוגענד די צוגרייטונג דורך בעשעפטיגען א געוויסע צאל פון דער יוגענד אין זייערע פאבריקען אין גיטער מיט ארבייט.

כדאי צו בעמערקען, אז די פראקטיק האט בעוויזען, אז אונזער יוגענד איז נישט וועהניגער פעהיג אויסצופיהרען שווערע פיזישע ארבייטען ווי נישט יודישע יוגענד.

מיר האפען, אז די יודישע גרויס-אינדוסטריעלער און גוט-בעזיצער וועלען זיך ווארים אברופען אויף די ווענדונג פון די חלוצישע יוגענד. און זיי ערמעגליכען די נויטיגע צוגרייטונג פאר דעם אויפבוי פון אונזער נאציאנאלער היים.

ל. ר.

## פרעזידענטען-צוזאמענפאהר פון דער קעלצער וואיעוואדסטווא.

היינטיגע וואך איז אין קעלץ אין קאבינעט פון קעלצער וואיעוואדא ה' קארסאק און אונטער זיין פערזענליכען פארזיץ פארגעקומען א קאנפערענץ פון אלע פרעזידענטען פון די שטעדט אין דער קעלצער וואיעוואדסטווא.

אין צוזאמענפאהר האבען אנטייל גענומען דער קעלצער פרעזידענט ה' געטטעל און די פרעזידענטען פון די שטעדט: סאסנאוועצ, דאמבראווע, בענדין, זאווירטשא, טשענסטאכאוו, אסטראוויעץ, פון ראדאם איז געקומען דער ויצע-פרעזידענט ה' אושעמבלא.

מצד דעם וואיעוואדסטווא-אמט האבען זיך אויף דער קאנפערענץ בעטייליגט דער נאטשעלניק פון זעלבסט-פערוואלטונג'ס-אמט ד"ר סעוואפין; נאטשעלניק פון אדמיניסטראציע-אמט ד"ר קאלוסקי; וואיעוואדסטווא-ראט סערעדניצקי און די רעפערענטען גראבינסקי און רעשקא. ווי אויך דער קעלצער סטאראסטא ה' באריסאוויטש אלס גאסט.

דעם צוזאמענפאהר האט געעפענט דער ה' וואיעוואדא מיט א אינהאלטס-רייכע רעדע וועגען די אויפגאבען און די ארבייט פון די שטאדטישע זעלבסט-פערוואלטונגען.

אין גאנג פון די בעראטונגען זענען געהאלטען געווארען א רייהע רעפעראטען, וועלכע האבען ענטהאלטען אנווייזונגען בנוגע דאס צונויפשטעלען די שטאדטישע בודזשעטען אויפ'ן יאהר 1929/30.

אויף דער קאנפערענץ זענען אויך ארומגערעדט געווארען היגיעניש-סאניטארע פראגען, שפיטאל-וועזען, אפראוויזאציע-ענינים, ווי אויך די אקטועלע פראגע פון הייזער-בוי אין די וואיעוואדסטווא-שטעדט.

## דעפוטאט י. גרינבוים דאנקט דעם קעלצער ק. ק. ל. קאמיטעט פאר איהר מתנה צום אנדענקען פון זיין בעזוך אין קעלץ.

צום אנדענקען פון זיין בעזוך אין קעלץ האט דער ק. ק. ל. קאמיטעט בעעהרט דעם דעפוטאט י. גרינבוים מיט א מתנה פון 15 בוימער אין „יערהערצעל" אויף זיין נאמען, די טעג האט דער קאמיטעט בעקומען א בריעף פון דעפ. גרינבוים אין וועלכען ער דאנקט הערצליך פאר דער מתנה, וועלכע איז איהם זעהר טייער.

## ארטאדאקסישע עלטערן דעמאלירען דעם לאקאל פון „החלוץ" צוליב דעם וואס זייער טאכטער זאל זיין א מיטגלידערין פון „השומר-הצעיר".

פאריגע וואך בעת עס זענען פארגעקומען די אזענד-קורסען ביים „החלוץ" אין איינעם לאקאל (ארלא 9) זענען די לעקציעס פלוצלינג איבערגעריסען געווארען דורך אריינרייסונג פון א געוויסע ארטאדאקסישע פאמיליע ב. אין לאקאל מיט שטעקענס און געפרובט דעמאלירען דעם לאקאל צוליב דעם וואס זייער טאכטער זאל געגען זייער ווילען, זיין א מיטגלידערין פון „השומר הצעיר" און זיי זענען דעריבער נאך איהר געקומען.

ווי עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, נאך דער נאליצייאישער איננטערווענץ, האט די טאכטער זיך גארנישט געפונען אין לאקאל און דער טומעל פון די עלטערן איז א דורך בלויז מיט א פראטאקאל פאר שטערען די עפענטליכע רוה.

## פאר דער ענטשטעהונג פון דער צענטראלער קאאפעראטיווען-באנק.

די טעג איז אין לעמבערג פארגעקומען א פערזאמלונג פון דער „באנק-קאמיסיע" ביי דעם אלגעמיינעם רעוויזיאנס-פערבאנד. אויף דער זיצונג איז איינשטימיג אקצעפטירט געווארען דער סטאטוט פון דער צענטראלער קאאפעראטיווען-באנק פונ'ם פערבאנד, וועלכע ווערט געגרינדעט אין ווארשא. גלייכצייטיג איז בעשלאסען געווארען צונויפרופען אין די נאנטסטע טעג די גרינדונגס-פערזאמלונג פון דער באנק.

עס איז כדאי צו בעמערקען, אז דעקלארירטע פייען זענען דורך די קאאפעראטיווען שוין נעגצליך געדעקט געווארען.

Lekarz-Dentysta
choroby zębów i jamy ustnej
**E. OKNOWSKA**
**powróciła**
Przyjmuje od 10—1 i od 3—7
**KIELCE, Sienkiewicza 46**

Lekarz-dendysta
**A. LEJZEROWICZ**
przyjmuje codziennie od 9—1 p. p. i od 3—7 wiecz.
Przy gabinecie specjalne nowoczesne laboratorjum zębów sztucznych pod kierownictwem specjalisty z Kwalifikacjami zagranicznemi K. GINGOLDA.
Dla członków Kasy Chorych i urzędników ustępstwa do 50%.
*Kapitalna 11, m. 16 parter*

די שענסטע

**טאפעטין**

צו זעהר ביליגע פרייזען

קען מען נור בעקומען

אין דער לאנג־יעהריגע פירמע

**ש. שטיינבאך**

— ראדאם —

לובלינער 21.












Poszukuję
jakiejkolwiek posady
w zakresie handlu.
Posiadam dobre referencje
i wykaz złożenie fachowe.
Łaskawe zgłoszenia dla C. K.
do administracji pisma w Radomiu.




**יעדע** גוטע און זארגפעלטיגע
ווירטין זארגט וועגען די מוס-
טערהאפטע ריינקייט פון טעפלעך,
פענדלעך און בכלל אלערליי קיך-
געשיר קודם־כל צוליב היגיעני-
שע, און דאן—צוליב עסטעטישע
טעמים.
ס'איז נישט אזוי לייכט צו האל-
טען אלץ כסדר מוסטערהאפט
ריין, נאר מיט דער הילף פון
ווים קען מען אויספיהרען.
צוערשט דארף מען א קורצע
ווייל ווייקען דעם געגענשטאנד

אין הייס וואסער, רייבען די פלי
מיט א נאס שמאטקאלע בעשא-
טען מיט ווים, און דערנאך דארף
מען פוצען מיט א ווייך טיכעל
ביז צו א גלאנץ.
דאס סיסטעם פון די שאכטלען
אין וועלכע ס'געפינט זיך ווים
איז זעהר פראקטיש. און דער
מעטאלענער דעק לאזט נישט
אריין אין שאכטעל קיין וואסער.

ווים ווערט
פערקויפט אין קליי-
נע פעקעלעך, ווי
אויך אין בעקוועמע
שאכטען.

# VIM

**בעקאנטמאכונג.**

איך האב דעם כבוד בעקאנט צו מאכען דאס ג. פובליקום אין ראדום,
אז איך בעזיץ דעם גרעסטען אויסוואהל
פון די נייעסטע און מאדערנסטע מוסטערן צו זעהר בילי.
**צו מאהלען צימערן.**
איך גיב אויך־אן אלערליי אלעינע און צו לאקירען קאך־בענקלעך, ווי אויך
מאדערנע קעכלעך. די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט רעעל און פינקטליך
ווענדט זיך צום מאלער ש...
געדענקט דעם אדרעס: ...ראלנא 28, שטעלמאך.








דאס בעסטע שפייזעפעטס
צום
בראטען, פרעגלען און באקען
איז „פאטאקאל"

די בעסטע
פלאנצען־פוטער
„פאטאקאנא"

דאס בעסטע
שפייז־אויל
„פאטאקא"

אלץ אונטער דער שטרענגער השגחה
פון דעם בענדינער ראבינאט.





Redaktor i Wydawca ... Odbito we własnej drukarni Radom ...kowska 20.